# דער ספה"ק "מחנה דן" פון רבי שמשון מאסטראפאליע זי"ע

אינעם ספר שרשרת זהב (עמ' כא) דערציילט דער מחבר הרב שלמה יונגערלייב, אז זיין שווער הגה"צ ר' יצחק הלוי שטאהל זצ"ל אב"ד קאנסטאנטין ישן איז אמאל געווען אין סאדיגורא ביי הרה"ק ר' אברהם יעקב מסאדיגורא זצ"ל, האבן אים דעם סאדיגורא'ר רבי'נס קינדער געבעטן אז אזוי ווי אסטראפאליע איז נישט ווייט פון אלט-קאנסטאנטין, ממילא זאל ער פראבירן צו פארשאפן דעם ספר "מחנה דן" וואס איז גאר א יקר המציאות, און זיי זענען גרייט צו צאלן דערפאר דריי טויזנט רייניש. אהיימקומענדיג האט ער ארומגעשיקט בריוון צו אלע רבנים פון די ארומיגע שטעט אז זיי זאלן אים העלפן פארשאפן דעם ספר, און דערמאנט דעם גרויסן פרייז וואס ער איז גרייט צו צאלן דערפאר, אבער אלע האבן אים געענטפערט אז דער ספר איז נישט בנמצא. ווען ער איז געקומען די אנדערע מאל קיין סאדיגורא און דערציילט אז דער ספר איז נישט בנמצא, האט אים הרה"ק ר' נחום בער דערציילט, אז זיי האבן בקבלה פונעם זיידן דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זצוק"ל וואס ער האט געהאט פון זיין רבי'ן דער בעש"ט הק' זי"ע, אז ווען אידן וואלטן זוכה געווען צו לערנען דעם זוהר הק' מיט'ן פירוש מחנה דן פון רבי שמשון אסטראפאליער, וואלט מען מיט דעם מקרב געווען דעם קץ הגאולה.